# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:50
מוצאי שב"ק.....................6:18

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................מלאכי ב'-ג'
בבלי...........................חולין ס'
ירושלמי..................כלאים ל"ו
תוספתא.........מקוואות פרק ז'
רמב"ם.......מעשי הקרבנות י"ג


פרשת יתרו, כ' שבט, שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 20 (380)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ**, זָאגְט רַשִׁ"י, **מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא, קְרִיעַת יַם סוּף וּמִלְחֶמֶת עֲמָלֵק**. וָואס הָאט יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז עֶס הָאט אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען צוּ דִי אִידְן? קְרִיעַת יַם סוּף אוּן מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען?

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט'), אוֹיפְ'ן פָּסוּק "תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי" אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן זַיין הִילְף.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ח.) אַז צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (סוֹטָה ב.) צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף. אוּן מֶען זֶעט בְּחוּשׁ אַז דִי צְוֵויי זַאכְן צוּבְּרֶעכְן דִי מֶערְסְטֶע אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אֵיין זַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אִיז מֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פל"א, סי"ב) אַז אָרִימְקֵייט אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע יִסּוּרִים. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת סב:) וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר בֵּיידֶע זַאכְן, אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם "עֲמָלֵק" וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ "**הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן?**" - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא מִיט מִיר, אָדֶער נִישְׁט?" מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה מִיט זִיךְ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט אִים אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן אִים צוּ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע מַצָּב.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט יִתְרוֹ עֶר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקֵייטְן אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקֵייטְן אִין שִׁידוּכִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר זִיךְ צוּ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קוּמְט דִי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר יָא, אָדֶער נִישְׁט?" אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מוּז עֶר גֵיין צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ א)

***

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט אוּן גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקֶן אוּן שְׁלָאפְן. אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם**, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְ'ן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### זֵיי מִיר מוֹחֵל

מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אִין דִי הֵייליגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת וִויל מֶען זַיין ווָאוֹיל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים.

<<<<<<

## א גוט ווארט

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח) אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דַאוֶונְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "**וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ**", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער פוּן 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶע תְּפִילָה"; וַוייל דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צוּ אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן**", אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' יִתְרוֹ תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ צוּרִיק גֶעבּוֹיעֶט נָאךְ דִי צְוֶוייטֶע וֶועלְט קְרִיג?



הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ע"ה פארברענגט מיט די קינדער - שנת תשי"ד

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם סֵפֶר "גּוּר אַרְיֵה יְהוּדָה", פוּן מַיין זֵיידֶע רֶבִּי יוּדְל רָאזֶענְבֶּערְג ע"ה, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי אַזוֹי סְ'הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיט דִי סַאטְמַארֶע מוֹסְדוֹת אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן אִין אַמֶערִיקֶע.

ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען אַבִּיסְל מֶער מַאֲרִיךְ זַיין וָואס מְ'קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם? אוּן אוֹיךְ וִוי אַזוֹי הָאבְּן זֵיי טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אָנְצוּפַאנְגֶען פוּן פְרִישׁ נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָן קַיין גֶעלְט אוּן אָן קַיין מֶענְטְשְׁן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אִידְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם בִּיטֶערְן קְרִיג. נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן נָאכְן קְרִיג 'אֶחָד מֵעִיר, וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה' – טְרָאץ דֶעם גְרוֹיסְן חוּרְבָּן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּגֶעזֶען מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר צוּרִיק אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אַ נֵייעֶ דוֹר פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר קוּקְן זִיךְ אָן וִוי מִיר וֶוערְן אַזוֹי צֶעפַּאלְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מִיר ווִילְן, פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וֶוערְן מִיר מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ אוּן מֶען אִיז מָלֵא טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וְכוּ', בְּשְׁעַת וָואס דִי אִידְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעהַאט אוֹיף וָואס צוּ וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעוֵויינְט נָאר גֶעטוּן לְמַעֲשֶׂה, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ נֵייעֶם דוֹר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִינֶעם סֵפֶר "גּוּר אַרְיֵה יְהוּדָה", וואוּ עֶס אִיז בַּאשְׁרִיבְּן אַז וֶוען דַיין זֵיידֶע ר' יוּדְל עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַלֶע גֶעפָארְן צוּ דִי לְוָיָה קַיין קִרְיַת יוֹאֵל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בְּלַייבּ אִין קֶעמְפּ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער"; דָאס

<<<<<

>>>>>>

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר אִים אוּן זָאגְן אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר ווִיל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אָבֶּער אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר אֵייבִּיג דִי וִדּוּי בַּיים דַאוֶוענֶען לוֹיט דִי א' ב' – אָ'שַׁמְנוּ בָּ'גַדְנוּ גָּ'זַלְנוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי לַאנְגֶע "עַל חֵטְא'ס" גֵייט עֶס אוֹיךְ לוֹיט דִי א' ב'. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען נוּצְט דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

אוּן דֶערִיבֶּער, וַוייל דָאס זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אַזוֹי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין יֶעדְן טָאג בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן טֵייל זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן "שְׁמַע קוֹלֵנוּ", אוֹיךְ דִי וָואס זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זֶענֶען זִיךְ דָארְט נָאכְאַמָאל מִתְוַדֶּה.

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶער קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּ אִים, אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

### אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, אוּן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר גוּט. עֶר וֵוייסְט דָאךְ אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֱמֶת אַז עֶר זָאגְט דָאס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת'דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, לד) "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי" - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אוּן מִתְוַדֶּה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ', ל"ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", דַאן קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע וִוי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; ווִיבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי וִוי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז ז... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

> **וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן**

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן אֱמֶת אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֱמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן וואוֹיל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ וִדּוּי)

>>>>>>
אייבערשטער איז שטענדיג מיט אים, און אין סיי וועלכע מצב א איד געפונט זיך נאר קען ער אייביג זיין נאנט צום אייבערשטן, און ער קען זיך שטענדיג צוריק קערן צום אייבערשטן.

יעצט, אין די צייט פון די יומא דהילולא קדישא, דערמאנען זיך אידן ווי אזוי זיי האבן באקומען חיזוק פון די הייליגע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש במשך די אלע יארן, און נוצן אויס די צייט ווייטער ממשיך צו זיין צו לערנען די הייליגע ספרים און צו מקיים זיין וואס דארט שטייט, און מיט דעם זיך איינקויפן א פרייליך און גליקליך לעבן ברוחניות ובגשמיות.

דורכאויס די גאנצע וואך, ובפרט אין די טאג פון יארצייט, האבן צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט פוקד געווען דעם ציון הקדוש אין יבנאל און זיך אויסגעבעטן בדבר ישועה ורחמים. פילע האבן זוכה געווען אויסצוזאגן גאנץ תהלים בלי הפסק ביים ציון הק', אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט אין זיין צוואה אז ווער עס וועט אויסזאגן גאנץ תהלים ביי זיין קבר וועט ער זיך משתדל זיין צו איינרייסן און פועל'ן פאר יענעם א ישועה, און ספעציעל ווען א בחור אדער מיידל וועט דארט אויסזאגן תהלים, וועלן זיי זיכער געהאלפן ווערן מיט א שידוך בקרוב ובניקל.

מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז אזוי ווי ביי זיין לעבן זענען אידן נתעורר געווארן צו תשובה דורך אים, די זעלבע וועט אויך זיין נאך זיין הסתלקות אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר וועט נתעורר ווערן תשובה צו טון און זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן. און דאס האט ספעציעל געקענט זען יעצט ביי די יומא דהילולא, די געוואלדיגע התעוררות וואס האט געהערשט אויפ'ן פלאץ, ווען פילע טויזנטער אידן האבן שופך שיח געווען און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביים ציון הק'.

דאהי אין אמעריקע איז פארגעקומען דער צענטראלער סעודת הילולא בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע אידן פון איבעראל זיך צו שטארקן אינאיינעם אין דעם געהויבענעם טאג. ביי די סעודה האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט ווי שטארק מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה וואס מיר האבן באקומען אז מיר האבן געהאט מוהרא"ש מיט אונז וואס האט אונז געלערנט די הייליגע לימודים פון רבי'ן, און די לימודים זענען ווייטער חי וקים, מיר דארפן עס נאר ווייטער לערנען און חזר'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ווען ס'קומט צו רעדן פון מוהרא"ש, איז דאס זייער שווער, מוהרא"ש האט אונז אזויפיל געגעבן אין לעבן, ער האט אזוי סאך געהאלפן אזויפיל אידן איבער די וועלט, אז ס'איז ממש נישט מעגליך דאס אראפצוברענגען און איבערדערציילן, כל המוסיף גורע, וויפיל מ'וועט רעדן וועט קיינמאל נישט זיין גענוג. דעריבער איז דער עיקר צו רעדן פון די לימודים און די עצות פון מוהרא"ש, ווי אזוי מיר קענען זיך שטארקן אין זיי און דאס ווייטער פארשפרייטן, דאס זענען גרעסטע מופתים פון מוהרא"ש, און דאס איז וואס מיר דארפן חזר'ן כסדר. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן, אז די עיקר מופתים וואס מ'האט געזען ביים רבי'ן איז געווען אז יעדער איד וואס איז געקומען צום רבי'ן, ער האט אויסגעהערט און גענומען די עצות פון רבי'ן, איז געווארן איבערגעדרייט צו א נייער מענטש, ער איז געווארן אן אמת'ער ערליכער איד. דאס איז אן אמת'ער רבי, דער וואס קען העלפן אידן, ער קען אין זיי אריינברענגען א ריינע אמונה, ער קען אין זיי אריינברענגען א שטארקייט און א פרישקייט זיך שטענדיג אויפצוהויבן און זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט וואס מוהרא"ש האט געטון ווען ער איז געווען א יונגער בחור'ל און ער האט געטראפן א ספר'ל פון הייליגן רבי'ן, און דאס האט אים געטוישט זיין לעבן, ס'האט אים געברענגט נאנט צום אייבערשטן, און דאן האט מוהרא"ש נישט געהאלטן דעם סוד פאר זיך, נאר ער האט זיך גענומען פאר א ציל אין לעבן צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער איבער די גאנצע וועלט. אין יענע צייטן איז דער נאמען פון רבי'ן נאך נישט געווען באקאנט בכלל פאר זייער אסאך אידן, און חפץ ה' בידו הצליח אז ער האט זוכה געווען אריינצוברענגען די עצות און לימודים פון רבי'ן אין די גאנצע וועלט.

און דאס איז אונזער פליכט ווייטער ממשיך צו זיין, יעדער האט זיך זיין וועג ווי אזוי ער קען איבערגעבן די לימודים ווייטער פאר נאך אידן, אויב דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן און אונז געברענגט צום הייליגן רבי'ן, דארפן מיר דאס פארגינען אויך פאר נאך איינעם.

נארישע מענטשן האבן מורא פון די "כאפערס", די געטרייע מפיצים וואס טראגן ארום און פארשפרייטן די הייליגע ספרים און קונטרסים. וואס וויל זיי דען? וואס שטייט אין די קונטרסים? די איינציגסטע זאך וואס די קונטרסים ברענגען ארויס איז דאך נאר צו מקרב זיין יעדן איד צום אייבערשטן, צו ווייזן פאר יעדן איינציגסטן מענטש אז ער האט נאך אויך א וועג מצליח צו זיין אויף דער וועלט, אז ער זאל קיינמאל נישט אויפגעבן נאר שטענדיג זיך אויפהויבן און זיך מחזק זיין, צו וויסן א וועג ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדער, ווי אזוי צו האבן שלום בית, און נאך פילע גוטע עצות אין לעבן. ווען דער מפיץ קומט צום טיר מיט א קונטרס, איז ער נישט דא געקומען צו פארכאפן מענטשן קיין ברסלב, ער איז געקומען מזכה צו זיין אידן מיט חיזוק און אמונה, מיט עצות און הילף, מ'זאל ווייטער קענען אנגיין אין לעבן, נאר אויך אריינעמען דעם אייבערשטן אין זייער לעבן.

נאך די דרשה האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דערנאך איז פארגעשטעלט געווארן א שיינע סלייד פרעזענטאציע איבער די גרויסקייט פון הפצה, מען האט געהערט ערשטהאנטיגע מעשיות פון פילע מפיצים ווי אזוי די הייליגע ספרים און קונטרסים זענען מחי' און מחזק אזויפיל טויזנטער אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט. און דערנאך איז דער עולם זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות טובות זיך צו שטארקן ווייטער מיט די לימודים פון מוהרא"ש און ארויסהעלפן דאס פארשפרייטן איבער די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זיך ווייטער האלטן אינאיינעם און ממשיך זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

**לזכר עולם יהיה צדיק!**

***

## אידן זענען מתפלל לרפואת הבחור יצחק בן אהובה שושנה

פארגאנגעם וואך איז הבחור החשוב איציק מענדלאוויטש, ממזכי את הרבים, פון די רעדאקציע פון די "חיזוק יומי המתורגם", געפארן קיין אייראפע צו מתפלל זיין אויף קברי צדיקים. דעם זונטאג איז דער חשובער בחור געפארן אויפ'ן וועג אין א טעקסי אויפ'ן וועג ארויס פון ליזענסק וואו ער האט מתפלל געווען ביים ציון הק' פונעם הייליגן רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, און איז זיך רואיג געשלאפן אויפ'ן הונטערשטן זיץ, זייענדיג אויסגעמוטשעט פון די לאנגע רייזע, ווען פלוצלינג האט דער קאר געכאפט א שרעקליכן גליטש אויף די אייז, און האט זיך איינגאנצן איבערגעדרייט רחמנא ליצלן. דער בחור איז נעבעך גאר שווער געשעדיגט געווארן אינעם עקסידענט, און איז אין איילעניש אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל אין ריישא אין א שווערן מצב, און ביז יעצט האט ער זיך ליידער נאכאלץ נישט אויפגעוועקט.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען אים מיטוואך אפגעפירט מיט א פריוואטע פליגער, מיט באגלייטונג פון דאקטוירים, קיין ארץ ישראל, וואו די דאקטוירים פרובירן אים צו ראטעווען.

אידן זענען מתפלל און בעטן דעם אייבערשטן פאר יצחק בן אהובה שושנה פאר א גאנצע רפואה בקרוב.

**הן ק-ל כביר ולא ימאס תפלת הרבים!**

>>>>>>
הָאט מִיר זֵייעֶר בַּאנוּמֶען. וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר דָאךְ גֶעוֶוען פוּן דִי גֶעטְרֵייסְטֶע תַּלְמִידִים בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער מְלַמֵּד פוּן דִי סַאטְמַארֶע חֵדֶר, בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר מִיט זֶעקְס קִינְדֶער.

הֲגַם הַיינְט קוּקְט מֶען אָן דִי מוֹסְדוֹת פוּן סַאטְמַאר בְּלִי עַיִן הָרַע וִוי עֶס בַּאשְׁטֵייט פוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער כֵּן יִרְבּוּ, אָבֶער וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ זַיין מְלַמֵּד הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גְמָרָא, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ גְמָרָא פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע שַׁ"ס וָואס אִיז גֶעוֶוען אַרַיין גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת יו"ט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ "מַסֶכֶת בֵּיצָה יוֹמָא סוּכָּה". עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פְּלַאץ וואוּ צוּ מַאכְן דִי חֵדֶר, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז בִּיז דֶערְוַוייל זָאל עֶר מַאכְן דִי חֵדֶר בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים בַּאצָאלְן יֶעדֶע סוֹף וָואךְ, אוּן אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזֶען דָאנֶערְשְׁטָאג אִין שׁוּל, דַיין זֵיידֶע אִיז נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן זַיין גֶעהַאלְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, נָאר דֶער רֶבִּי אִיז צוּ אִים צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזָאגְט: "גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט פַאר מִיר אַלֵיינְס אוֹיף שַׁבָּת"; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעבּוֹיט דֶעם חֵדֶר אוּן דִי קֶעמְפְּס מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

עֶס הָאט מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר בַּאנוּמֶען צוּ לֵיינֶען וָואס דַיין בַּאבֶּע הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דַיין זֵיידֶע: "אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ קֶעמְפּ", אִיז דַיין זֵיידֶע אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי מַאכְן אַ קֶעמְפּ", הָאט זִי אִים אָנְגֶעקוּקְט מִיט וואוּנְדֶער: 'וִוי? וָואס? וֶוען? דוּ גֵייסְט מַאכְן אַ קֶעמְפּ?! וִוי אַזוֹי גֵייסְטוּ מַאכְן אַ קֶעמְפּ?!' (דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן עֶפֶּעס אַן עוֹשֶׁר וְכוּ', דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קוֹים גֶעהַאט פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן) הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע צֶען פִינְגֶער אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "אַז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט עֶר דַארְף אַ קֶעמְפּ וֶועל אִיךְ עֶס בּוֹיעֶן מִיט מַיינֶע צֶען פִינְגֶער".

מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶר פָארְט נִישְׁט צוּ דִי לְוַיָה נָאר עֶר בְּלַייבְּט מִיט דִי קִינְדֶער זֵיי וַוייטֶער מְחַנֵךְ זַיין.

זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט אַ גֶעטְרֵייעֶר מְחַנֵךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ פַאר דִי חָשׁוּבּ'סְטֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ב'): "וְאֵין מְבַטְלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", מֶען טָאר נִישְׁט מְבַטֵל זַיין קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט דָאס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, הֲלָכָה יב): "וְאֵין מְבַטְלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לַבִּנְיָן", מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; לִכְאוֹרָה פַארְוָואס שְׁרַייבְּט דֶער רַמְבַּ"ם דִי הֲלָכָה נָאכְאַמָאל אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה? זָאגְן צַדִיקִים אַז חוּץ פוּן דִי הֲלָכָה אִין הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה - אַז קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען אוּן טָארְן זִיךְ נִישְׁט מְבַטֵל זַיין פַאר גָארְנִישְׁט, אִיז דָאס אוֹיךְ אַ דִין אִין בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ קֶען נִישְׁט גֶעבּוֹיט וֶוערְן נָאר אַז דִי קִינְדֶער זִיצְן אוּן לֶערְנֶען. מִיט דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער, דָאס אַלֵיינְס הֶעלְפְּט אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבּוֹיט וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.




**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כ)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: וֶוען דִי גֶעלְט פוּנֶעם נַדְן אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָרֶעם, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן.**

קט

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעוַוארְט גֶעדוּלְדִיג, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, וָואלְט עֶר שׁוֹין זִיכֶער אַרוּמְגֶעפָארְן אִיבֶּער דִי שְׁטֶעט אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן פִילֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן צוּ זוּכְן פַּרְנָסָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם וָואס סְ'מַאכְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן צוּמָאל אַז סְ'פֶעלְט זַאכְן אִין שְׁטוּב, מְ'דַארְף הָאבְּן מֶער פַּרְנָסָה, קְלֵיידֶער, אוּן אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן; טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז אַז מְ'מוּז שׁוֹין הָאבְּן גְלַייךְ אוֹיף דִי מִינוּט אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף, נָאר מְ'זָאל וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אָן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פֶעלְט עֶפֶּעס, אֵיינֶער אִיז אַן אָרֶעמַאן, מִיט קְלֵיינֶע הַשָּׂגוֹת, פֶעלְט אִים אַ פָּשׁוּטֶער נֵייעֶר בֶּגֶד אָנְצוּטוּן, ווִידֶער אִיז דָא אַ צְוֵויטֶער מִיט גְרֶעסֶערֶע הַשָּׂגוֹת, וָואס פַאר אִים פֶעלְט שׁוֹין גָאר אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטְל, סְ'פֶעלְט אִים אַ טֵייעֶרֶע רַייכֶע הוֹיז. יֶעדֶער ווִיל דָאךְ אַלְץ הָאבְּן מֶער פוּן ווִיפִיל עֶר הָאט יֶעצְט. דַארְף מֶען ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אַז מְ'מוּז עֶס שׁוֹין יֶעצְט בַּאקוּמֶען, אוּן גֵיין זִיךְ אָנְבָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען דַארְפְן אַרוּמְפָארְן זוּכְן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת.

דֶערִיבֶּער אִיז עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ וַוארְטְן מִיט בִּטָחוֹן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים הֶעלְפְן.

קי

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעמָאלְט מִיט פַּרְנָסָה, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן טִירְדוֹת, נָאר עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים שׁוֹין צוּגֶעשִׁיקְט פַּרְנָסָה יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועגְן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן פְּלֶענֶער אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט וֶוערְן מְפוּרְסָם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶענֶער ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט דָאס אוֹיסְפִירְן, ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה.

צוּמָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אַ בֶּעטְלֶער אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף דִי הַייזֶער, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט ווִיסְן פוּן אִים.

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק" - פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## ס'מערן זיך חתונות אין היכל הבית המדרש

מיט יעדע פרישע חתונה וואס קומט פאר אין שול, ווערן די חתונות נאך מער שטילער און באשיידענער. ביי יעדע פרישע חתונה קומען אויף פרישע געדאנקען ווי אזוי צו מאכן די חתונה נאך מער היימיש און אידיש, ווי אזוי אויסצוגעבן נאך ווייניגער געלט פאר אומנויטיגע צוועקן, און די חתונות ווערן מער פרייליך און מער פשוט און איינפאך.

צו די זעלבע צייט, מאכן אבער די חתונות גאר הויכע קולות. פאר די פילע מחותנים וואס ברעכן אונטער די לאסט פון די אומגעהויערע גרויסע הוצאות החתונה, וואס איז פאר כמעט יעדן אוממעגליך צו באצאלן אן חובות; פאר די מחותנים הערט זיך די נייעס איבער די אומזיסטע חתונות אין זייערע אויערן ווי קולות וברקים אויף די העכסטע טענער. די אומזיסטע חתונות מאנען און פאדערן, זיי ווייזן אויף שווארץ אויף וויס אז ס'איז מעגליך חתונה צו מאכן די קינדער מיט אן אמת'ע רואיגקייט און שלוות הנפש, נישט ווי ס'איז שוין איינגעגעסן געווארן ביי מענטשן אז א חתונה מוז קראנק מאכן די עלטערן פוןביידע זייטן רחמנא ליצלן.

דעם קומענדיגן מאנטאג פ' משפטים וועט אי"ה פארקומען די חתונה פון הבה"ח לייבי הי"ו בן מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו, עב"ג בת מו"ה יצחק קאפלאן הי"ו. די חתונה וועט פארקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג. און ווי ביי די פריערדיגע חתונה, וועט דאס מאל עס אויך ווערן צוגעשטעלט גענצליך אומזיסט פאר ביידע זייטן, אלע משפחות פון די קהלה לייגן צו א האנט צוצושטעלן אלע געברויכן פון די חתונה, און גלייכצייטיג איז ערווארטעט אז דאס וואס זיין גאר א פרייליכע חתונה, אזוי ווי ביי די פריערדיגע חתונות אין ישיבה.

חז"ל דערציילן אז רבי יהושע בן חנניה האט געזאגט אז קיינער האט אים נאכנישט אזוי איבערגעקלוגט אין זיין לעבן ווי עפעס א קליין יונגל. ווען ער האט געדארפט אנקומען אין א שטאט, האט ער געטראפן א אינגל און אים געפרעגט דעם וועג צו די שטאט, האט דער אינגל געענטפערט: "פון די זייט איז דא א קורצע און לאנגע וועג, און פון די אנדערע זייט איז דא א לאנגע און קורצע וועג"... רבי יהושע איז געגאנגען צו די קורצע און לאנגע וועג, ער איז טאקע אנגעקומען שנעל צו די שטאט, עס איז אבער געווען דארט אזויפיל פעלדער און וועלדער אז עס איז געווען זייער שווער אריינצוגיין אין שטאט פון דארט, איז ער צוריקגעגאנגען צום אינגל און אים פארגעהאלטן אז ער האט דאך געזאגט אז דארט איז א קורצע וועג, דער אינגל האט זיך אבער פארענטפערט אז ער האט דאך אויך צוגעלייגט אז עס איז א לאנגע וועג... האט אים רבי יהושע געקושט אויפ'ן שטערן און געזאגט: "וואויל איז פאר די אידישע קינדער וואס פונעם גרעסטען ביז'ן קלענסטן זענען זיי זייער קלוג".

וואס איז די געוואלדיגע חכמה געווען דא פון דעם אינגל? ווען מען קוקט זיך צו ווי אזוי די חתונות און שמחות גייען צו ביי אונז, זעט מען אז מען דארף זיין גאר גאר קלוג צו קענען פארשטיין דאס וואס דער קליינער אינגל האט פארשטאנען, ליידער זענען דא ערוואקסענע באזעסענע מענטשן וועלכע פארשטייען נישט אז דאס זיך אנבארגן מיט געלט פאר א שמחה איז טאקע א קורצע געשמאקע וועג, עס וועט טאקע זיין אויף די מינוט א שיינע שמחה, אבער נאכדעם ווערט דער וועג גאר שווער און לאנג, ווען עס קומט צום באצאלן איז עס בכלל נישט אזוי געשמאק, מען דארף ארומלויפן פון בערל צו שמערל, פון געצל ביז מעכל, בארגן פון איינעם און באצאלן פאר'ן צווייטן. און אויב בלייבט מען שולדיג געלט פאר מענטשן דארף מען נאכאמאל מגלגול ווערן, מען דארף נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט, און נאכאמאל דארפן חתונה מאכן א שטוב מיט קינדער...

ווען עס ענדיגט זיך די פינף שעה פון די חתונה, וואס האט מען דעמאלט פון די אלע געלטער וואס מ'האט געווארפן אין מיסט? די איינציגסטע זאך וואס בלייבט איז דאך נאר די נחת וואס מ'וועט האבן שפעטער פון דעם פרישן פאר-פאלק, און אויך - אויב האט מען נישט דעם ריכטיגן שכל - די פילע חובות מיט וואס מ'וועט זיך מוטשען צו באצאלן פאר די קומענדיגע יארן.

דעריבער איז ווערד צו באגריסן די קלוגע מחותנים, די קלוגע חתן כלה, וואס טוען די ריכטיגע שריט, זיי געבן נישט אויס קיין איבריגע געלטער פאר די נאכט פון חתונה, זיי טראכטן נאר פון תכלית, וואס וועט זיין נאך די חתונה, דער עיקר ציל איז אויפצושטעלן א אידישע שטוב, א בית נאמן בישראל.

דער אייבערשטער זאל זיי טאקע העלפן אז ס'איז זאל א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים געזונטערהייט.

**כי טובה חכמה מפנינים!**

***

## יומא דהילולא קדישא פון מוהרא"ש זי"ע

די יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע איז אויסגענוצט געווארן דורך אידן איבער דער גארער וועלט בכלל, און דורך אנשי שלומינו בפרט, זיך צו דערמאנען די ליכטיגע זכרונות פון מוהרא"ש און צו איבער'חזר'ן זיינע הייליגע לימודים און עס אנהאלטן אויך אויף ווייטער.

אין לויף פון זיין גאנצן הייליגן לעבן האט מוהרא"ש נאר געוואלט איין זאך, און אויף דעם האט ער געארבעט טאג און נאכט, אריינצוברענגען די לימודים פון הייליגן רבי'ן אין יעדע אידישע הויז איבער די גאנצע וועלט. צו שטארקן און מחזק זיין יעדן איד אז ער זאל וויסן און געדענקען אלעמאל אז דער

<<<<<<


## זייטס מתפלל!

אידישע קינדער זענען מתפלל און בעטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע רפואה פון א חשובער בחור וואס איז נעבעך גאר שווער געשעדיגט געווארן אין א שרעקליכע עקסידענט

**יצחק בן אהובה שושנה**

**לרפואה שלימה בקרוב**

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליוועררט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** > 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**